**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט א 10 ביליאן דאלערדיגע שותפות צו ברענגען נעקסטע-דור פארשונג און אנטוויקלונג צענטער צו NY CREATES אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס**

***אלבאני נאנאטעק וועט פארמאגן צפון אמעריקע'ס ערשטע און איינציגסטע פובליק-אייגנטום הויכע NA עקסטרעמע אולטראווייאלעט ליטאגראפי צענטער - ברענגענדיג דעם צוקונפט פון פארגעשריטענע סעמיקאנדאקטער פארשונג און פאבריצירונג צו ניו יארק'ס קאפיטאל ראיאן***

***פראיעקט וועט אויפשליסן טראנספארמירנדע בענעפיטן אריינגערעכנט טויזנטער נייע דירעקט, אומדירעקטע, און יוניאן קאנסטראקשאן דזשאבס און שטארקע געטריישאפט צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און אנהאלטונג***

***שותפות נעמט אריין באדייטנדע פריוואטע אינוועסטירונג פון IBM, מייקראן, אפלייד מאטריאלן, טאקיא עלעקטראן און אנדערע אינדוסטריע פירער וועלכע וועלן אריינגעמען פארגעשריטענע טשיפ-מאכן טעכנאָלאָגיע אין זייערע פארשונג און אנטוויקלונג באמיאונגען***

***געבויט אויף גאָווערנאָר האקול'ס אגענדע צו וואקסן א גלאבאלע האב פאר סעמיקאנדאקטער מאנופאקטשורינג און ערפינדונג אפסטעיט***

גאווערנאר קעיטי האקאל האט היינט געמאלדן א 10 ביליאן דאלערדיגע שותפות מיט פירער פון די סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע אזוי ווי IBM, מייקראן, אפלייד מאטריאלן, טאקיא עלעקטראן און אנדערע צו וואקסן א קומענדיגע-דורי סעמיקאנדאקטער פארשונג און אנטוויקלונג צענטער ביי NY קריעיטס אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס. די שותפות וועט באצאלן די בוי ארבעט פון א פארגעשריטענע הויכע NA עקסטרעמע אלטראווייאלעט ליטאגראפי צענטער - די ערשטע און איינציגסטע פובליק אייגנטום הויכע NA EUV צענטער אין צפון אמעריקע - וואס וועט שטיצן די פארשונג און אנטוויקלונג פון די וועלט'ס מערסטע קאמפליצירטע און מאכטפולע סעמיקאנדאקטערס. אין צוגאב צו די טראנספארמירנדע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס קאפיטאל ראיאן, וועט די שותפות מאכן ניו יארק סטעיט היים צום לאנד'ס מערסט פארגעשריטענע, פובליק אייגנטום סעמיקאנדאקטער R&D אינפראסטרוקטור, שטיצן די לאנג-טערמיניגע וואוקס פון ניו יארק'ס טעק עקאנאמיע, און שאפט און האלט אן טויזנטער דירעקטע, אומדירעקטע, און יוניאן קאנסטראקשאן דזשאבס.

"די 10 ביליאן דאלערדיגע שותפות וואס וועט ברענגען פארגעשריטענע טשיפס פארשונג צו די קאפיטאל ראיאן זאל שיקן א מעסעדזש צו די גאנצע אינדוסטריע: ניו יארק איז אפן פאר ביזנעס," **האט גאָווערנאָר האקול געזאגט.** "פון אונזערע Green CHIPS לעגיסלאציע צו מייקראן'ס היסטארישע אינוועסטירונג און די שאפונג פון GO-SEMI, בויען מיר דעם צוקונפט פון סעמיקאנדאקטער פארשונג גלייך דא אין ניו יארק. די אינדוסטריע שאפט אמת'ע געלעגנהייט אין אונזער סטעיט מיט גאר גרויסע ראיאן אינוועסטירונגען, צאללאזע נייע דזשאבס, און שטארקע פארפליכטונגען צו ארבעטסקראפט

דעוועלאפמענט און סאסטעינעביליטי, און מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער ארבעטן מיט ערוועלטע און אינדוסטריע פירער כדי צו מאכן ניו יארק א גלאבאלע טשיפ-מאכן סופער-מאכט."

אונטער דעם נייעם איניציאטיוו, וועט NY CREATES איינהאנדלען און אינסטאלירן א הויכע NA EUV ליטאגראפי געצייג, געמאכט און פאבריצירט דורך ASML, ביי איר אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס, וואו אינדוסטריע פארטנערס ארייגערעכנט מייקראן, IBM, אפלייד מאטריאלן, טאקיא עלעקטראן, און אנדערע וועלן נוצן די מערסט פארגעשריטענע סעמיקאנדאקטער עקוויפמענט וואס זענען נאר אמאל געמאכט געווארן. איינמאל עס איז געבויט, וועט ניו יארק'ס העכסטע NY EUV צענטער שטעלן די סטעיט אלס א ציל פאר פארשונג און אנטוויקלונג פון די פארגעשריטענע טשיפ טעכנאָלאָגיע וואס פאוער'ט כמעט יעדע סמארטפאון, טאבלעט, לעפטאפ און קאמפיוטער סערווער היינט. דער צענטער וועט אויך שאפט אינטערנאציאלע שותפות'ן אלס וועלט-בארימטע פארשונג ארגאניזאציעס וואס פארברייטערן זייער אנוועזנהייט דא, ציענדיג ביזנעסער פון ארום די וועלט.

אין צוגאב, וועט די שותפות באדייטנד פארבעסערן ניו יארק סטעיט'ס שטאנד אלס א פירנדע קאנדידאט צו פארזיכערן אנקער האב סטאטוס אונטער די פעדעראלע נאציאנאלע סעמיקאנדאקטער טעכנאָלאָגיע צענטער, א באשטימונג וואס האט די מעגליכקייט צו אויפשפארן איבער 11 ביליאן דאלער אין פעדעראלע CHIPS און סייענס אקט פאנדינג.

דער פראיעקט וועט שאפן אמווייניגסטנס 700 נייע דירעקטע דזשאבס און אנהאלטן טויזנטער דזשאבס, אויסנוצן אמווייניגסטנס 9 ביליאן דאלער אין פריוואטע שפענדונג און אינוועסטירונג, און אוועקשטעלן באדייטנדע פארפליכטונגען צו שטיצן און בויען טאלאנט אנטוויקלונג רערן, ארייגערעכנט דורך פארטנערשיפס מיט די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק. פארטנערס האבן זיך פארפליכטעט צו אדער פארברייטערן אדער אנהויבן שטיצע פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמירונג, ארייגערעכנט אינוועסטירונגען אין SUNY, רענסעלעיר פאליטעכניק אינסטיטוט, און אנדערע פובליק און פריוואטע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אקטיוויטעטן; K-12 STEM אקאדעמישע פראגראמען; טרענירונג, אינטערנשיפס, און עקספעריענשל לערנען פאר אונטערגראדואירטע און גראדואירטע סטודענטן אין אינדזשענירונג און פארבינדענע STEM פעלדער, און אקאדעמישע פארשונג פארטנערשיפס.

NY CREATES און אינדוסטריע פארטנערס האבן אויך איינגעשטימט אויף אן אויסוואל פון סאסטעינעביליטי פארפליכטויגען דורכאויס די אויפבוי און פונקציאנירונג שטאפלען פון דעם פראיעקט וואס זענען נאנט אין איינקלאנג מיט ניו יארק'ס לאנד-פירנדע Green CHIPS פראגראם, ארייגערעכנט דאס באנוץ פון די בעסטע אוועילעבל טעכנאָלאָגיע פאר גרינהויז גאז עמישאן פארמינערונג; פריאריטיזירונג פון באנייטע ענערגיע, מיט פרעפערענץ פאר ניו יארק קוועלער; און נאכגיין אמווייניגסטנס גאלד LEED סטאטוס סערטיפיקאציע פאר נייע געביידעס פארבינדן מיטן פראיעקט. אין צוגאב, זענען פארטנערס געטריי צו ארייננעמען סאסטעיניבילטיס אלס א הויפט ציל פון R&D אקטיוויטעטן, ארייגערעכנט סאסטעינעבל סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג פראצעדורן, מאטריאלן באנוץ, אפפאל איבערנוץ און איבערמאכן, און פאב דעזיין. דורכאויס דעם נייעם פאקוס, וועט די הויכע NA EUV צענטער ווערן געשטעלט אלס א גלאבאלע פירער אינעם אנטוויקלונג פון סאסטעינעבל און קלימאט-פריינטליכע סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג פראצעדורן און טעכנאָלאָגיע.

כדי צו שטיצן דעם פראיעקט, טוט ניו יארק סטעיט אינוועסטירן 1 ביליאן דאלער צו פארברייטערן דעם אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס מיט די גרינדונג פון די הויכע NA EUV צענטער דורך די איינקויף פון ASML'ס EXE:5200 הויכע NA EUV סקענער, ווי אויך די אויפבוי פון נאנאפאב ריפלעקשאן, א נייע, העכסט סאפיסטיקירטע געביידע מיט איבער 50,000 קוואדראט פיס פון ריינע צימער פלאץ וואס וועט מוטיגן צוקונפטיגע פארטנער וואוקס און שטיצן נייע איניציאטיוון אזוי ווי די נאציאנאלע סעמיקאנדאקטער טעכנאָלאָגיע צענטער (National Semiconductor Technology Center), נאציאנאלע עדוואנסד

פעקעדזשינג מאנופאקטשורינג פראגראם ( National Advanced Packaging Manufacturing Program), און דעפארטמענט פון דעפענס מייקראעלעקטראניקס קאמאנס פראגראם ( Department of Defense Microelectronics Commons program), וואס דאס לעצטע איז לעצטנס געשאנקען געווארן צום ניו יארק סטעיט. דער פראיעקט וועט שאפן אן אפגעשאצטע הייך פון 500 ביז 600 יוניאן קאנסטראקשאן דזשאבס ביים פירנדע ווערן דורכאויס די צוויי-יאר בוי ארבעט שטאפל.

דער פראיעקט איז קריטיש פארן ווייטערדיגן וואוקס פון NY CREATES אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס. אין צוגאב צו שאפן 50,000 סקווער פוס פון סטעיט-אוו-די-ארט ריינע צימער פלאץ ביי אלבאני נאנאטעק, ווערט ערווארטעט אז די אינוועסטירונג עפנט דעם טויער פאר די בוי ארבעט פון נאך צוקונפטיטיגע ריינע צימער פלאץ כדי צו ערמעגליכן די פאראויסגעשאצטע לאנג-טערמיניג וואוקס פון נייע און עקזיסטירנדע צוזאמענארבעט געברענגט דורך די הויכע NA EUV צענטער און פעדעראלע איניציאטיוון.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאק שומער האט געזאגט,** "דאס איז א לאנדמארק טאג פארן קאפיטאל ראיאן. מיט די ערשטמאליגע 10 ביליאן דאלערדיגע פובליק-פריוואטע פארטנערשיפ, געברענגט דורך מיין CHIPS און סייענס אקט, האט אינדוסטריע קלארגעשטעלט: די אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס איז דער היים פון אמעריקע'ס סעמיקאנדאקטער R&D צוקונפט. דער היסטארישער פארטנערשיפ וועט ברענגען די מערסט פארגעשריטענע מאשינעריי אין די וועלט צו אפסטעט NY, העלפנדיג צו מאכן אנטדעקונגען וואס אינדזשענירן הײנט קענען אפילו נישט טרוימען דערפון - פארזיכערנדיג אז די פאראייניגטע שטאטן פירט די וועלט אין סעמיקאנדאקטער ערפינדונג און פאבריצירונג און אונז ברענגען נאנטער צו איבערדרייען סייענס פיקציע צו ווירקליכקייט דורך פראדוצירן מייקראטשיפס קלענער ווי א נאנאמיטער, גלייך דא אין קאפיטאל ראיאן. די 10 ביליאן דאלער מיינט הונדערטער נייע הויכע-באצאלטע טעק און קאנסטראקשאן דזשאבס, אינאיינעם מיט וויסנשאפטלער און פירנדע פירמעס פון ארום די וועלט קערט זיך צו קאפיטאל ראיאן אלס דער פלאץ וואו זיי פירן דורך זייער פארשונג. איך האב געשריבן די CHIPS און סייענס אקט ווייל איך האב געוואוסט אז וועט זיין טראנספארמירנד פאר אפסטעיט ניו יארק, וואס איז געווען פונקטליך צוגעפאסט צו ברענגען די אינדוסטריע וואס איז קריטיש וויכטיג צו אמעריקע'ס נאציאנאלע סעקיוריטי און עקאנאמישע צוקונפט צוריק פון איבערן ים. אונטער גאָווערנאָר האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק נישט נאר געענטפערט דעם רוף וואס די פעדס האבן ארויסגעלייגט, נאר געהאלפן שאפן א נאציאנאלע מאדעל מיט די פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג אין יעדן ווינקל פון אפסטעיט NY און הײנטיגע מעלדונג אין בלויז די לעצטע ביישפיל פון ווי אזוי ניו יארק פירט אונזער לאנד אין אנטוויקלען דעם קומענדיגן דור פון טעכנאָלאָגיע."

**סענאטאר קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג אין אלבאני נאנאטעק וועט שטארקן ניו יארק'ס שטאנד אלס א גלאבאלער פירער אין סעמיקאנדאקטער פארשונג און אנטוויקלונג. די קומענדיגער-דור פארשונג און אנטוויקלונג צענטער וועט זיין דער איינציגסטער פאסיליטי פון איר סארט אין די מערב וועלט און וועט ציען גרויסע ביזנעסער פון ארום די וועלט, וואקסן די שטאט'ס טעק עקאנאמיע, און מעגליך אויפשפארן ביליאנען אין פעדעראלע אינוועסטירונגען צום קאפיטאל ראיאן. אוועקשטעלן די נייע סעמיקאנדאקטער צענטער וועט אויך העלפן מוטיגן אונזער נאציאנאלע סעקיוריטי, ערלויבנדיג די פאראייניגטע שטאטן צו אנטוויקלען די וועלט'ס מערסט פארצווייגטע און מאכטפולע סעמיקאנדאקטערס גלייך דא אינדערהיים. איך בין שטאלץ צו זען די פארטנערשיפ ווערן פארווירקליכט און קוק ארויס צו פארזעצן די ארבעט צו מאכן די קאפיטאל ראיאן א גלאבאלע פירער אין סעמיקאנדאקטער פארשונג און פאבריצירונג."

**רעפרעזענטעטיוו פאול טאנקא האט געזאגט**, "איך האב שוין לאנג געשטופט פאר שטארקע אינוועסטירונגען אין אונזער טשיפס פאבריצירונג צו שטארקן אונזער דאמעסטישע סופליי קייט, שאפן גוט-באצאלטע דזשאבס, און נידריגערע קאסטן פאר אמעריקאנער קאנסומערס. א דאנק די באמיאונג און געזעצן אין אונזער CHIPS און סייענס אקט, איז אונזער קאפיטאל ראיאן - שוין יעצט א היים צו א

שטאַרקע נעטוואָרק פון טשיפ פאַבריצירער, פאָרגעשריטענע פאָרשונג פאַסיליטיס, און עדיוקעישאַנעל אינסטיטוציעס - שטייט אויס צו פירן דאָס לאַנד אין דעם געביט, טרייבנדיג ערפינדונג און שטאַרקנדיג אונזער עקאָנאָמיע. די שותפות בויט אויף די פּיאָנירנדע גייסט פון ערפינדונג וואָס אונזער ראַיאָן האָט שוין לאַנג פאַרטרעטן. איך בין דאַנקבאַר פאַר אַלע וועמענ'ס געטריישאַפט ערמעגליכט ווייטערדיגע אַנטוויקלונג און וואוקס אין די אינדוסטריע."

**IBM טשערמאַן און CEO אַרווינד קרישנע האָט געזאָגט,** "ביים ניו יאָרק סטעיט אַלבאַני נאַנאָטעק קאָמפּלעקס, טוען IBM און אונזערע פאַרטנערס פירן די וועלט אין סעמיקאַנדאַקטער R&D פאָרשריט וואָס מאַכן טשיפּס קלענער, מער מאַכטפול, און מער ענערגיע שפּאָרזאַם. די נייע הויכע NA EUV צענטער ביי אַלבאַני נאַנאָטעק וועט פאַרזיכערן אַ שטאַרקע רער פאַר סעמיקאַנדאַקטער ערפינדונג, האַלטנדיג ניו יאָרק סטעיט ביים שפּיץ פון סעמיקאַנדאַקטער עקספּערטיז, פאָרשנעלערנדיג דעם וואוקס פון די גלאָבאַלע טשיפּ אינדוסטריע און העלפנדיג צו נאָכקומען מאַנופאַקטשורינג פאַרלאַנג פאַר נייע טעכנאָלאָגיעס אַזוי ווי דזשענערעיטיוו AI. IBM איז שטאָלץ צו רופן ניו יאָרק סטעיט אונזער היים, און צו שטיצן די קריטישע אינוועסטירונג צו נייע דורכברוכן אין סעמיקאַנדאַקטער טעכנאָלאָגיע."

**מייקראָן פּרעזידענט און CEO סאַנדזשעי מעראָטרע, האָט געזאָגט,** "די הויכע NA EUV צענטער ביי NY CREATES' אַלבאַני נאַנאָטעק קאָמפּלעקס איז אַ קריטישע שריט אין פאָראויסברענגען די קומענדיגע-דור סעמיקאַנדאַקטער R&D אין אַמעריקע און וועט שטעלן ניו יאָרק ביים שפּיץ פון צוקונפטיגע ערפינדונג און טעכנאָלאָגיע פירערשאַפט. איינע פון די הויפּט פאַקטאָרן וואָס האָבן געמאַכט ניו יאָרק די בעסטע צוקונפטיגע היים פאַר אונזער מעגאַפאַב איז געווען די סטעיט'ס היסטאָריע פון סעמיקאַנדאַקטער אַנטוויקלונג און פאַבריצירונג און שטאַרקע געלעגנהייטן פאַר R&D עקאָסיסטעם צוזאַמענאַרבעט וואָס מייקראָן קען העלפן דערגרייכן מיט אונזער מעמאָרי טעכנאָלאָגיע פירערשאַפט. צוזאַמען מיט אונזער סטעיט און פעדעראַלע פאַרטנערס און מיט קריטישע פאַנדינג שטיצע פון די CHIPS און סייענס אַקט, קוקן מיר אַרויס צו בויען און טרענירן אַ העכסט-פעאיגע טאַלאַנט רער דורך צפון אַמעריקע'ס ערשטע און איינציגסטע NA EUV צענטער."

**סעמיקאַנדאַקטער פּראָדוקטן גרופּע ביי אַפּלייד מאַטעריאַלן פּרעזידענט פּראַבו ראַיאַ האָט געזאָגט,** "מיר זענען צופרידן צו זען ווייטערדיגע אינוועסטירונגען צו שטאַרקן די טשיפּ-מאַכן R&D איקאָסיסטעם אין ניו יאָרק סטעיט. ביי אונזער מאַטעריאַלן אינזשענירונג טעכנאָלאָגיע אַקסעלערעיטאָר ( Materials Engineering Technology Accelerator, META Center) ביי אַלבאַני נאַנאָטעק, טוט אַפּלייד קאָלאַבאָרירן מיט קאַסטומערס צו פּיאָנירן נייע סעמיקאַנדאַקטער מאַטעריאַלן, סטרוקטורן און דעווייסעס פאַרן פאַרבעסערן טשיפּ פונקציאָנירונג און ענערגיע שפּאָרזאַמקייט. פאַרברייטערן דעם אַפּדרוק און מעגליכקייט פון די נאַנאָטעק קאַמפּוס וועט בויען אויף אונזער לאַנגיעריגע פאַרטנערשיפט מיט די ניו יאָרק סטעיט און צושטעלן נאָך אַ וועג צו פאַרשנעלערן די צייט פון געדאַנק ביז קאָמערציאַליזאַציע פון קומענדיגע-דור טשיפּ-מאַכן טעכנאָלאָגיעס."

**טאָקיאָ עלעקטראָן (TEL) פּרעזידענט און CEO טאָני קאַוואַי האָט געזאָגט,** "מיר קוקן אַרויס צו פאָרזעצן אונזערע צענדליגער יאָרן לאַנג פאַרטנערשיפט מיט ניו יאָרק סטעיט דורך די עפענונג פון די נייע R&D צענטער ביי די אַלבאַני נאַנאָטעק קאָמפּלעקס. הויכע NA EUV איז די סעמיקאַנדאַקטער אינדוסטריע'ס מערסט פאָרגעשריטענע מאַנופאַקטשורינג טעכנאָלאָגיע, און TEL איז גליקליך צו ביישטייערן צו די אַנטוויקלונג פון די גלאָבאַלע סעמיקאַנדאַקטער אינדוסטריע און דיערפינדונג אין דעם פּלאַץ וואָס די נייע אַנטוויקלונג וועט ברענגען."

**ASML פּרעזידענט און CEO פּיטער וועניק האָט געזאָגט,** "מיר זענען שטאָלץ אַז ASML געצייג ערמעגליכן אונזערע קאַסטומערס צו פאַבריצירן די טשיפּס וואָס די וועלט דאַרף. די באַדייטנדע אינוועסטירונג דורך ניו יאָרק אין פאָרגעשריטענע NA EUV טעכנאָלאָגיע וועט ערמעגליכן ערפינדונג אין

אונזער איקאסיסטעם און פארשנעלערן טשיפ-מאכערס' מעגליכקייט צו פאבריצירן דעם מארגנדיגנ'ס מער פארגעשריטענע טשיפס שנעלער און מער ענערגיע-שפארזאם."

**אוועקשטעלן א גלאבאלע סעמיקאנדאקטער האב אין ניו יארק סטעיט**
גאָווערנאָר האקול האט אנגעהאלטן א שטארקע פארפליכטונג צו בויען א מאדערנע עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט דורכן וואקסן די סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע און צוציען פארגעשריטענע ביזנעסער וואס שאפן גוט באצאלטע, איין אין צוואנציגסטע יאר הונדערט דזשאבס. אין אקטאבער 2022, נאכן אונטערשרייבן ניו יארק'ס ערשטע-אין-לאנד Green CHIPS לעגיסלאציע צו בויען א בליענדע, סוסטעינעבל טשיפס אינדוסטריע, האט דער גאָווערנאָר געמאלדן א היסטארישע 100 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג פון מייקראן צו אוועקשטעלן א פארגעשריטענע פירנדע מעמארי פאבריצירונג קאמפוס אין צענטראל ניו יארק וואס וועט שאפן 50,000 דזשאבס. זייט מען האט אונטערגעשריבן Green CHIPS, האט דער גאָווערנאָר אויך געמאלדן גרויסע אינוועסטירונגען פון מערערע אנדערע סעמיקאנדאקטער מאנופאקטשורערס און פירמעס פון די סעמיקאנדאקטער סופליי קייט, אריינגערעכנט AMD, עדווארדס וואקיום, און TTM טעכנאלאגיעס צו פארברייטערן זייער אנוועזנהייט אין ניו יארק.

אין איר 2023 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס, האט גאָווערנאָר האקול געמאלדן דאס שאפן די 45 מיליאן דאלערדיגע גאָווערנאָר'ס אפיס פון סעמיקאנדאקטער פארברייטערונג, פאבריצירונג און אינטעגראציע, באקאנט אלס GO-SEMI, צו איבערזען די סטעיט'ס באמיאונגען צו ווייטער וואקסן די אינדוסטריע.

**ניו יארק'ס אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס**
די אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס, אונטערן אייגנטום און אנגעפירט דורך די נישט-פאר-פראפיט ניו יארק צענטער פאר פארשונג, עקאנאמישע פארשריט, טעכנאָלאָגיע, אינדזשענירונג, און וויסנשאפט, אדער NY CREATEA, איז די מערסט פארגעשריטענע, פובליק אייגנטום 300 MM סעמיקאנדאקטער R&D פאסיליטי אין צפון אמעריקע און איז געוועןביים שפיץ פון סעמיקאנדאקטער ערפינדונג פאר איבער צוויי יאר צענדליג. דער פלאץ פארמאגט יעצט די יעצטיגע דור פון EUV ליטאגראפי עקוויפמענט, וואס IBM האט לעצטנס גענוצט צו פראדוצירן די וועלט'ס ערשטע 2 נאנאמעטער טשיפ טעכנאָלאָגיע - די קלענסטע סקעיל וואס איז שוין אמאל אנטוויקלט געווארן. די הויכע NA EUV צענטער וועט ברענגען דעם קומענדיגן דור פון EUV עקוויפמענט צו אלבאני נאנאטעק און פעסט אוועקשטעלן ניו יארק אלס די עפיסענטער פון פירנדע סעמיקאנדאקטער R&D.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט**, "ניו יארק סטעיט האט אינוועסטירט ביליאנען דאלארן איבער די לעצטע צענדליגער יארן צו מאכן אלבאני נאנאטעק די מערסט פארגעשריטענע פובליק אייגנטום סעמיקאנדאקטער פארשונג און אנטוויקלונג צענטער אין צפון אמעריקע און דאס איז דעם קומענדיגן שריט אין איר שאפונג. די אינוועסטירונג וועט ממש אריינווארפן ניו יארק סטעיט אלס צענטער פון סעמיקאנדאקטער R&D און ווייטער ברענגען אונזערע באמיאונגען צו מאכן ניו יארק סטעיט די סעמיקאנדאקטער קאפיטאל פונעם לאנד. מיר פארזיכערן אויך אז סאסטעיניביליטי און אנטוויקלונג געלעגנהייטן זענען א פריאריטעט כדי די קומענדיגע דור פון ניו יארקערס זענען גוט צוגעגרייט פאר געלעגנהייטן אין די אינדוסטריע."

**NY CREATES פרעזידענט דעיוו ענדערסאן האט געזאגט**, "גאָווערנאָר האקול'ס טרוים צו מאכן ניו יארק סטעיט דעם שפיץ פון סעמיקאנדאקטער-באזירטע R&D ווערט אומצווויידייטיג פארווירקליכט אלס א רעזולטאט פון היינטיגע היסטארישע אינוועסטירונג דורך ניו יארק און אונזערע אינדוסטריע פארטנערס. די געלטער וועלן שטיצן בוי ארבעט פון די נייע נאנאפאב ריפלעקשאן געביידע ביי NY CREATES' אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס וואס וועט האלטן די וועלט'ס מערסט פארגעשריטענע, קומענדיגע-דור עקסטרעמע אלטראווייאלעט ליטאגראפי עקוויפמענט. אלס א רעזולטאט פון די היסטארישע אינוועסטירונג, אונטער די פירערשאפט פון גאָווערנאָר האקול און די ווייטערדיגע און

אומערמידליכע שטיצע פון די סענאט מאיאריטעט פירער שומער, וועט NY CREATES און אונזערע שותפות פארזיכערן אונזער פלאץ ביים שפיץ פון גלאבאלע טשיפ אנטוויקלונג פאר די לאנגע יארן. די פארברייטערונג שטעלט אוועק דעם גרונט פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס און נייע דזשאב געלעגנהייטן דא און דורכאויס די סטעיט, ביישטייערנדיג באדייטנד צו די לאנד'ס ערפינדונג עקאנאמיע און צייגנדיג פארוואס די אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס איז גרייט צו אריינגעמען די קריטיש וויכטיגע נאציאנאלע סעמיקאנדאקטער טעכנאָלאָגיע צענטער."

**Imec פרעזידענט און CEO לוק וואן דען האוו האט געזאגט**, "Imec איז צופרידן צו שטיצן די הויכע NA EUV צענטער וואס וועט ווערן אויפגעשטעלט די די אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס. די איניציאטיוו וועט פארשנעלערן די אינדוסטריעלע אדאפטירונג פון די מערסט פארגעשריטענע פאבריצירונג טעכנאָלאָגיע אין די פאראייניגטע שטאטן. די אריינפירונג פון הויכע NA EUV פארלאנגט ראדיקאלע ערפינדונגען אויפן פראצעדור זייט. כדי זיך צו גרייטן דערצו אויף א פרא-אקטיוון אופן, האט imec אויפגעשטעלט א NA EUV לאבאראטאריע צוזאמען מיט ASML, געבויט ארום די סאמע ערשטע הויכע NA סקענער. ארבעטנדיג נאנט אינאיינעם מיט די גלאבאלע פעטערנינג איקאסיסטעם, גרייטן מיר צו די פראצעדור ערפינדונגען און דע-ריזיקירן די טעכנאָלאָגיע. און מיר קוקן ארויס צו אַרבעטן מיט די פארטנערס ביי NY CREATES אויף די קאמפלימענטערע סטראטעגישע באמיאונג צו אויסציען די גרעניצן פון טשיפ פארנעם און פונקציאנירונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן